# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת צו, שבת פרה, כ' אדר ב', שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 26 (644)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:59
מוצאי שב"ק.....................8:32

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................... יהושע טו - טז
בבלי.................. בבא מציעא לא
ירושלמי.............. עירובין טז
תוספתא.............. סוטה יב
רמב"ם................. נזירות ו

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמֶרֶת ה' וְלֹא תָמוּתוּ**

דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִיז אִים דָאס לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס. "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, אִיז דָאךְ גוּט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב", אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יִסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף־עַל־פִּי־כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין וִוילְן, אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער וֶועלְן זַיין גוּט. כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט וֶועלְן, בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּם דֶעם. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה גֵייט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס מְחוּתָּנִים, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִוָואלְטְשִׁיסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִחְמֶעלְנִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פֶּערְצִיג יָאר הָאט עֶר גֶעבֶּענְקְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס בֶּענְקְט עֶר אַזוֹי סַאךְ אוּן וָואס אִיז עֶר אַזוֹי מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם? אַז מֶען ווִיל פָארְן נֶעמְט מֶען גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט!" וֶוען מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר וֶועט זֶען אַז דֶער וָואלְטְשִׁיסְקֶער רָב - וִויבַּאלְד עֶר בֶּענְקְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - וֶועט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִידֶער דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב - וָואס זָאגְט אַז מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט - וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער רָצוֹן; ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּענְקְט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - וֶועט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תש"פ)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לִיבּ הָאבְּן זִיךְ, אוּן לִיבּ הָאבְּן יֶענֶעם

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן עֶר הָאט גֶעוֵויינְט פַארְ'ן צַדִיק אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ אַז עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר ווִיל דֶער צַדִיק זָאל אִים גֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיין תִּיקוּן אִיז אַז יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ גֵייסְט עֶסְן, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע פֵיינֶע סְעוּדָה, דִי בֶּעסְטֶע בְּרוֹיטְן, פֵיינֶע פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, טֵייעֶרֶע וַויין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע גוּטֶע מַעֲדַנִים".

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער צַדִיק מַאכְט חוֹזֶק פוּן אִים, הָאט עֶר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "דָאס אִיז אַ תִּיקוּן?!... אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן צוּ פַאסְטְן פִילֶע תַּעֲנִיתִים אָפְּצוּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת". הָאט אִים דֶער צַדִיק עֶרְקְלֶערְט: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג פֵיינֶע סְעוּדוֹת מִיט גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוען אַן אָרִימַאן וֶועט קוּמֶען בֶּעטְן צְדָקָה בַּיי דַיין טִיר וֶועסְטוּ אִים כָאטְשׁ גֶעבְּן אַבִּיסְל טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועסְטוּ יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

מַאךְ נִישְׁט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט צֶעטְלֶעךְ, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעכֶענֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וִויפִיל דָאס לֶעבְּן קָאסְט אוּן וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט, מֶען דַארְף מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹן; עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ אִים אוּן מֶען בֶּעט אִים - גֶעבְּט עֶר, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, מֶען זָאגְט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, דִי חוֹבוֹת דְרוּקְן מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויס אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיין שׁוּלְדִיג, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, הֲרֵעוֹתִי מַעֲשַׂי וְקִפַּחְתִּי אֶת פַּרְנָסָתִי, אִיךְ טוּ יֶעצְט תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, זֵיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן גֶעבּ מִיר שֶׁפַע".** (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מְטַהֵר טְמֵאִים מְטַמֵּא טְהוֹרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבַּת 'פָּרָה', י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת; מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טַהֲרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה. בַּיים לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּר פָּרָשַׁת פָּרָה פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְרֶעדְן וֶועגְן דֶעם פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה (בַּמִּדְבָּר יט, ב): "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר", אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יט, א) אַז אִיּוֹב הָאט גֶעזָאגְט (אִיּוֹב יד, ד): "מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא? לֹא אֶחָד"; וַוייל מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט דִי פָּרָה אֲדוּמָה וֶוערְן טָמֵא, אוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה רֵיינִיגְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טָמֵא, דָאס הָאט אִיּוֹב גֶעפְרֶעגְט: מִי יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא אֶחָד" - אוּן קֵיינֶער מֶער; "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: חֻקָּה חָקַקְתִּי, גְזֵירָה גָּזַרְתִּי, אִי אַתָּה רַשַּׁאי לַעֲבוֹר עַל גְּזֵרָתִי" - דָאס אִיז אַ חֹק אָן אַ טַעַם.

פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז מֶען זֶעט דָאס בְּחוּשׁ; עֶס קוּמְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט חַטָּאִים פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, בִּפְרָט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אִים עֵצוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר טוּט אִים אָן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער - צוּבִּיסְלֶעךְ הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן עֶר טְרֶעפְט זַיין שִׁידוּךְ אוּן דֶער צַדִּיק מַאכְט אִים חֲתוּנָה אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ וַוייטֶער אַרָאפּ, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים, בִּיז דֶער צַדִּיק - דֶער כֹּהֵן הָאט שׁוֹין מְטַהֵר גֶעוֶוען דֶעם אִישׁ טָמֵא. 'לְטַהֵר טְמֵאִים' אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, וָואס גֶעשֶׁעהט יֶעצְט? 'לְטַמֵּא טְהוֹרִים' יֶעצְט זָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ אַז דֶער כֹּהֵן - דֶער צַדִּיק וָואס הָאט אִים אָפְּגֶעוַואשְׁן אוּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן טָהוֹר - אִיז טָמֵא!

דָאס אִיז דֶער חֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, שָׁם): "כָּל הָעוֹסְקִין בַּפָּרָה מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף, מְטַמְּאִין בְּגָדִים", דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק מִיט דֶעם וֶוערְט טָמֵא, אָבֶער "הִיא גוּפָהּ מְטַהֶרֶת בְּגָדִים", עֶר אַלֵיין מַאכְט יֶענֶעם טָהוֹר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דֶעם כֹּהֵן וָואס מַאכְט אוּנְז טָהוֹר, אוּן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶען פַאר מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז וַוייטֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "פַארְוָואס הֵייבְּט אַ מֶענְטְשׁ אָן צוּ קְרִיגְן אוֹיף דֶעם וָואס הָאט אִים מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען? וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין הַיינְט א נָארמַאלֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַן אִישׁ מְכוּבָּד, נָאר אֵיינֶער וֵוייסְט מַיין עָבַר, וַוייל אִיךְ הָאבּ אִים פַארְצֵיילְט אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז עֶר וֶועט עֶס דֶערְצֵיילְן', דֶערְפַאר הֵייבְּט עֶר אָן רֶעדְן כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיף דֶעם עֶרְלִיכְעֶן אִיד.

אָבֶער עֶס אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער צַדִּיק טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ פַארְצֵיילְן דַיינֶע מַעֲשִׂים; עֶס אִיז דָאךְ אַ לָאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כה, יז): "לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ" זָאגְן חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נח:): אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה לֹא יֹאמַר לוֹ: "זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים", מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר א בַּעַל תְּשׁוּבָה: "גֶעדֶענְקְסְט וֶוען דוּ הָאסְט גֶעפְרָאסְן נְבֵלוֹת אוּן טְרֵפוֹת", אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיפְן צַדִּיק דֶעמָאלְט פַארְצֵיילְט מֶען וֶוער דֶער עַזּוּת פָּנִים אִיז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים סוֹף נִכְשָׁל בַּעֲבֵירָה; רַב נַחְמָן אָמַר בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵירָה".

מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ פָּרָשַׁת פָּרָה אֲדוּמָה מֶען אִיז מְקַיֵּים (הוֹשֵׁעַ יד, ג): "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְטַהֵר פוּן טֻמְאַת מֵת? נָאר דוּרְךְ 'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ' - דוּרְךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט וֶוערְט עֶר גֶערֵיינִיגְט פוּן טֻמְאַת מֵת.

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן זִיךְ דֶערנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגּוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַּף גְּמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד" גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמְחַטֵּאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן



פַאסְטְן, דַאן וֶועסְטוּ זָאגְן פַארְ'ן אָרִימַאן עֶר זָאל גֵיין עֶסְן שְׁטֵיינֶער... אוֹיבּ אַזַא גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר פַּאסְט, דַארְף דָאךְ דֶער אָרִימַאן זִיכֶער נִישְׁט עֶסְן"...

וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה? אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּ זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז עֶר אוֹיךְ גוּט צוּ אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קְלַאפְּט זִיךְ אַלֵיין אַרָאפּ, עֶר אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דַאן אִיז עֶר אוֹיךְ בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן, דֶער קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוֹיפְט זִיךְ אָבֶּער אַיין גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר וֶוערְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, דַאן אִיז עֶר גוּט סֵיי פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן סֵיי פַאר אַנְדֶערֶע אַרוּם אִים.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל"ד, ג') וֶוען הִלֵּל הַזָּקֵן פְלֶעגְט שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זֵיי צוּ גֵיין זַיין וֶועג, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר גֵייט יֶעצְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר גֵייט טוּן חֶסֶד מִיט אַ גַאסְט בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, הָאבְּן זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "יֶעדְן טָאג הָאט דֶער רֶבִּי אַן אוֹרֵחַ אִינְדֶערְהֵיים?" הָאט הִלֵּל הַזָּקֵן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוּן מַיין אָרִימֶע זֶעל אִיז דֶען נִישְׁט קַיין גַאסְט?... הַיינְט אִיז זִי דָא, אוּן מָארְגְן אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁטָא"...

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם גוּף אוּן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, נִישְׁט זַיין קַיין אַכְזָר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית י"א:) אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן אוֹיבּ פַאסְט עֶר הָאט עֶר אַן עֲבֵירָה. אַנְשְׁטָאט צוּ פַאסְטְן זָאל עֶר נוּצְן זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן דָארְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס פַאסְט, זָאל אַ הוּנְט אוֹיפְעֶסְן זַיין סְעוּדָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען סְ'אִיז דָא אַ קְלֵיינֶער לָאךְ אִינֶעם גוּף, אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין דִי נְשָׁמָה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְסַגֵּף דֶעם גוּף, עֶר וֶוערְט קְרַאנְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, דַאן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער לָאךְ אִין זַיין נְשָׁמָה, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן קַיין מִצְוָה, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט וִוי אַ טוֹיטֶער, וָואס הָאט עֶר פַארְדִינְט דֶערְפוּן?

אַ אִיד דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן זַאכְן וָואס קֶענֶען אִים שֶׁעדִיגְן, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֵיין לִיבּ הָאבְּן, אַ אִיד דַארְף רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן נָאר זוּכְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ טוֹב)

הַקְּדֹשָׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶען טָאג "כָּךְ וְכָךְ", וֶועלְן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְּרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן "שֶׁעִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל הַיֵּצֶר הָרָע הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, בִּפְרָט שַׁבָּת וֶוען מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן מֶען הָאט אַפָּאר מִינוּט צַייט צוּ אָטֶעמֶען, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען. מֶען הָאט גֶערוּקְט דֶעם זֵייגֶער אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע נָאכְמִיטָאג, זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

גְרֵייט דִיךְ אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי שַׁבָּת סְעוּדָה; לְמָשָׁל דִי וָואךְ פָּרָשַׁת פָּרָה קֶענְסְטוּ פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דָמָא בֶּן נְתִינָה וָואס עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ פָּרָה אֲדוּמָּה בִּזְכוּת דֶעם וָואס עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע (קִידּוּשִׁין לא.). אֵיינְמָאל הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעוָואלְט מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן פַארְן חֹשֶׁן, אוּן דֶער שְׁלִיסְל פוּנֶעם אוֹצָר אִיז גֶעלֶעגְן אוּנְטֶערְן קִישְׁן פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן זַיין טַאטֶע אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁלָאפְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן זַיין טַאטֶע; דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר ווִיל מֶער גֶעלְט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ צָאלְן אַסַאךְ מֶער גֶעלְט, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוּן עֶס אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן יֶענֶעם טָאג אַ רוֹיטֶע קוּה, אוּן עֶר הָאט עֶס פַארְקוֹיפְט פַאר דִי חֲכָמִים. קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן פָּשׁוּטְ'עֶ מַעֲשִׂיּוֹת אוּן ווִי מֶער מֶען פַארְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים בַּאקוּמֶען זֵיי אַ גֶעפִיל צוּ וֶוערְן א צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ קְרַאנְקֶע פוּס, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר גֶעהִינְקֶעט ל"ע. וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ חָתָן וֶוערְן אוּן דִי מֵיידְל הָאט גֶעזֶען זַיין קְרַאנְקֶע פוּס ווִי אַזוֹי עֶר הִינְקֶעט אוּנְטֶער הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל נִישְׁט דֶעם שִׁידוּךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט אִיר אַפָּאר מִינוּט, וֶוען זִי הָאט שׁוֹין מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן מִיט אִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אִיר גֶעזָאגְט מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער: "אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה (אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסה): "כִּי אֵלּוּ נְשָׁמוֹת שֶׁל הַזִּוּוּג הֵם לְמַעְלָה אֶחָד", מַאן אוּן וַוייבּ פַאר זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶענֶען זֵיי אֵיין נְשָׁמָה, אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אַרָאפּ וֶוערְן זֵיי צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע גוּפִים), אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ קְרַאנְקֶע פִּיס אוּן דוּ וֶועסְט זַיין א הִינְקֶעדִיגֶע מֵיידְל, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל מִיר עֶס גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט דִיר, אָבֶּער יֶעצְט אַז דוּ זָאגְסְט אָפּ דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט מִיר, גֶעבּ אִיךְ דִיר צוּרִיק דַיין קְרַאנְקֶע פִּיס, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דִי הִינְקֶעדִיגֶע, נִישְׁט אִיךְ", הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל שׁוֹין יָא דֶעם שִׁידוּךְ.

דָאס זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ זֶעסְט אִין דַיין וַוייבּ אַ חִסָּרוֹן, דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הָאבְּן אַ וַוייבּ מִיט אַ חִסָּרוֹן וְכוּ', זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט גֶעזָאגְט, אוּן בֶּאֱמֶת וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן דֶעם חִסָּרוֹן, נָאר מֶען הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר דַיין וַוייבּ אַנְשְׁטָאט דִיר; אִיז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין וְכוּ' וֶועסְטוּ סַיי בְּלַייבְּן אַלֵיין אוּן אוֹיךְ הָאבְּן דִי חֶסְרוֹנוֹת. דֶערְפַאר זֶע צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט זוּכְן קֵיין חֶסְרוֹנוֹת בַּיי קֵיינֶעם, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## זָאל אִיךְ לֵייגְן סְטֶעטוּס, צוּ צִיעֶן מֶער קוּנְדְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, וּבִפְרָט פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע וֶועג פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר כִּמְעַט צְוֵויי יָאר צוּרִיק אוּן אִיךְ הָאבּ אַרָאפּ גֶענוּמֶען סְטֶעטוּס פוּן מַיין טֶעלֶעפָאן. אִיךְ מוּז זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאר פַארְדִינְט מֶער מֹחַ אוּן צַייט פוּן דֶעם.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער, אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אִין אַ בִּיזְנֶעס פוּן קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר פַארְוָואס אִיךְ לֵייג נִישְׁט קֵיין סְטֶעטוּס, דִי קָאנְקוּרֶענְטְן הַאלְטְן אִין אֵיין לֵייגְן סְטֶעטוּס, מַאכְן אַסַאךְ גֶערוּדֶער, אוּן מַיינֶע חֲבֵרִים טָעֲנָה'ן אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט גֶענוּג פוּן מִיר; אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז דָאס גֵייט מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין קָאפּ פוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אִיךְ דַארְף טוּן סֶעילְס, אִיךְ דַארְף צוּרֶעדְן מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען צוּ מִיר, אוּן אִיךְ פִּיל שְׁלֶעכְט בַּיי מִיר פַארְוָואס לוֹיף אִיךְ אַזוֹי נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ? אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז, וַוייל פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט אַלְץ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָנִים, מֶען דַארְף מַאכְן פַּרְנָסָה.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג? דַארְף מֶען טוּן מַמָּשׁ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען? זִיכֶער מַאכְן אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן פוּן מִיר? אוֹיבּ דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אִין מַיין לֵיין, כְּדֵי צוּ שְׁלֶעפְּן קוּנְדְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שְׁטוּתִים, אוּן גְלֵייבְּן אַז פַּרְנָסָה אוּן דְזְשַׁאבְּס קוּמֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

יִישַׁר כֹּחַ פוּן פָארְאוֹיס פַארְ'ן מִיר וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אֲפִילוּ אִין זַאכְן וָואס קוּקְן אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ח' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן וְכוּ'; דוּ זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיין אַז זַייט דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי סָאשֶׁעל מִידְיֶע - הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם מֹחַ, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית; אִיז וָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק גֵיין צוּ דִי סָאשֶׁעל מִידְיֶע.

אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי כֵּלִים רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז לֹא יִמָּלֵט מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, אוּן דָאס שְׁלֶעפְּט אוּן שְׁלֶעפְּט בִּיז מֶען פַאלְט אִין נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען זִיכֶער נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיּוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט - וֶועט זַיין אַן אָרֶעמַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ

BreslevCenter.com\answers

מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, פַּארְלִירְט מֶען דָאס מַזָּל און מֶען וֶוערְט אַן אָרֶעמַאן.

הֶער אוֹיס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס רֶעדְן אַנְדֶערְשׁ פוּן צַדִיקִים; צַדִיקִים זָאגְן, אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַּארְלִירְט מֶען דִי מַזָּל, מֶען פַּארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה; וִויפִיל מֶען וֶועט נָאכְלוֹיפְן דִי גֶעלְט - וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שֶׁפַע, און אַז מֶען פַארְעֶרְכְט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - קוּמְט שֶׁפַע אִין צַייט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׂין 'יְשַׁבֵּרוּ', אַ לָשׁוֹן פוּן צֶעבְּרֶעכְן, אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶסְן און שֶׁפַע אִין צַייט.

פוּן עֲבֵירוֹת קוּמְט נִישְׁט קֵיין שֶׁפַע, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט צָרוֹת, עֲבֵירוֹת מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ דַארְפְן נֶעבֶּעךְ מוּטְשֶׁען; עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן: "פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּמְזִיסְט, און אַרְבֶּעטְן - אַרְבֶּעט מֶען פַאר דִי עֲבֵירוֹת".

**בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע גוּטֶע גְדָרִים,**
**בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ד)

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל פארקאש** הי"ו קרית יואל
גבאי היכל הקודש קרית יואל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם משה שטראססער** הי"ו קרית ברסלב
מנהל הישיבה בקרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל מרדכי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל אייכענשטיין** הי"ו וויליאמסבורג
מגיד שיעור בישיבה תפארת התורה
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יהודה איינהארן** הי"ו לינדען
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן ברילל** הי"ו לעיקוואד
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה טייטלבוים** הי"ו טבריה
גבאי היכל הקודש טבריה
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי קליין** הי"ו יבנאל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## ערשטער באנד אשר היה אל יואל ברוך השם אריין אין דרוק

געוואלדיגע נייעס פאר אנשי שלומינו, פון קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב אין אמעריקע קומט אן די גוטע בשורה אז נאך אסאך תפילות איז דער נייער ספר "אשר היה אל יואל" שוין אריין אין דרוק. דאס דרוקן דעם ספר אין ארץ ישראל און עס דערנאך אפשיקן קיין אמעריקע קען נעמען כאטש צוויי חדשים, אבער ב"ה אז מען האלט שוין ביי דעם שטאפל, וואס מען האט שוין פולקאם געענדיגט שרייבן, מגיה זיין, און אויסשטעלן דעם ספר, און מען קען האפן און מתפלל זיין אז צווישן פסח און שבועות זאל מען שוין קענען זוכה זיין צו האלטן דעם נייעם ספר אין די האנט.

דער ספר "אשר היה אל יואל" איז א יצירה וואס די וועלט האט נאכנישט געזען, אנשי שלומינו ווייסן די גרויסע חשיבות פון דעם הייליגן ספר "אשר בנחל" וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן בדם לבבו, און די גרויסע זאכן וואס ער האט זיך אויסגעדרוקט טויזנטער מאל אויף די הייליגע בריוו. וואס דארף מען מער ווי דעם אז דער ראש ישיבה זאגט אז דער ספר האט א חשיבות ווי "אשר בנחל", דאס איז דערפאר וואס יעדער וואס נעמט דעם ספר אין די האנט און בליקט נאר אביסל אריין דערפון, מוז אים כאפן א הרהור תשובה. עס איז נישט מעגליך אראפ צו לייגן דעם ספר אן דעם וואס דער מענטש זאל באקומען א חשק און א ברען צו דינען דעם אויבערשטן, אפלאזן די עבר, אויפהערן טראכטן פונעם עתיד, און אנהייבן יעצט טון למעשה וואס ער קען. יעדער וואס האט נאר געזען דעם ספר איז מעיד אז עס איז ממש ביטול הבחירה, די אמונה ווערט קלארער, דאס דאווענען ווערט בעסער, מען ווערט א גוטע מאן און טאטע אין שטוב.

דער ספר איז געשריבן מיט א געוואלדיגע מומחיות, די שרייבער היימישע אינגעלייט תלמידים פון ראש ישיבה האבן בסייעתא דשמיא אראפגעלייגט א געוואלדיגע ארבעט, די ווערטער ציען מען זאל לערנען ווייטער, אלע קענען עדות זאגן ווי שיין עס איז געשריבן, און אז מען קען עס ממש נישט אראפלייגן.

אויסערדעם איז עס דורכגעגאנגען גאר א שטארקע הגהה, מען האט עס מגיה געווען מיטן אויבערשטנ'ס הילף ב"ג נפה, און דערנאך געלאזט אויסשטעלן און מסדר זיין מיט א הערליכע בא'טעמ'טע דרוק וואס לייענט זיך פליסיג און געשמאק.

אונז דארפן ווייטער בלויז מתפלל זיין אז די דרוק זאל ארויסקומען שיין און געשמאק און עס זאל אנקומען שנעל קיין אמעריקע, אז מיר זאלן אויך קענען נהנה זיין פון דעם נייעם ספר און ווערן צוגעקלעבט צום אויבערשטן, און האבן די גן עדן דא אויף דער וועלט.

**קחו ברכה אל תוך בתיכם!**

***

## קרית ברסלב מצה בעקעריי ברוך השם געעפנט צום דריטן יאר

גאר פרייליכע נייעס קומט אריין דער באריכט אז יא אונזער ברסלב'ער מצה בעקעריי האט געעפנט אירע טויערן אויך דאס יאר. נאכדעם וואס עס האט אויסגעזען אז דאס יאר וועט מען עס נישט עפענען, צוליב דעם וואס די לעצטע צוויי יאר איז דער מצה בעקעריי געווען א גרויסע פינאנציעלע לאסט אויף די קהילה, און האט דערלייגט אסאך געלט.

דאך האבן אבער אנשי שלומינו און דער ראש ישיבה נישט אויפגעגעבן, מען האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז אויף עפעס א וועג זאל מען קענען עפענען דעם בעקעריי, וואס טראגט גאר א גרויסע חשיבות ביי אנשי שלומינו צוליב דעם וואס ארבעטערס אין די בעקעריי זענען חשובע איידעלע אידן מאנשי שלומינו, וואס לעבן מיט תמימות, אמונה און יראת שמים, בשעת די ארבעט בעט מען דעם אויבערשטן אז די מצות זאלן אריינגעבן אמונה אין אלע וואס עסן דאס.

ברוך השם דער אויבערשטער האט אנגענומען די תפילות פון אידישע קינדער, און עס האט פאסירט א נס, עטליכע פון אנשי שלומינו האבן שטארק געשוויצט און זיך אוועקגעגעבן אז מען זאל קענען עפענען די בעקעריי אויך דאס יאר, אויך האבן זיי גענומען אויף זיך הוצאות פונעם בעקעריי אויב עס וועט זיין מער פון די הכנסות.

מען דאנקט דעם אויבערשטן אויף דעם נייעם אנטוויקלונג, אזוי אויך קומט זיך הכרת הטוב פאר אלע חשובע ארבעטערס וואס זענען עוסק אין די עבודת הקודש באמונה, און שטעלן זיך צו מיט די גאנצע געטריישאפט אז אנשי שלומינו זאלן האבן ריינע ערליכע תמימות'דיגע און כשר'ע מצות.

דער דיין שליט"א באגלייט די גאנצע ארבעט פונעם באקן, ער קוקט זיך איך און גיבט די הוראות וואס מען דארף טון, און מאכט זיכער בסייעתא דשמיא אז די מצות זאלן זיין כשר בכתכלית ההידור, אויך האט דער דיין שליט"א געמאכט א באזונדערע חבורה ביי די נאכט שעות צוזאמען מיט די חשובע כולל אינגעלייט.

אנשי שלומינו נעמען ארויס פון דא א שטארקע חיזוק אויף די כח פון תפלה און התבודדות, ווען מען זעט ווי דער אויבערשטער האט געהאלפן, קעגן אלע אויסזיכטן.


# וואס איז אידישקייט?

**שחרית ?! מנחה ?! מעריב ?! אפילו אין פלארידע? אפלאזן א שידוך וועגן פארפאסן א מנחה?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1.2.1.10.1.104**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

< BreslevCenter.com >